# זונטיק ביינאַכט...

אומעטיק ציִען זיך קאַרלטאָן גאַסן,
אומעטיק וואַקסן די הייזלעך אויף זיי,
ברונז'ער אוונט־ווינט גלעט זייערע
לייבער,
זינגט זיי אַ וויג־ליד — אַן אומעט געוויי.

טוליען זיך הייזלעך, זיך טוליען
צוזאַמען —
אַזוי אויך זיך טוליען קעצלעך פאַר
קעלט —
באַרויערן קוימענס אויף פּלאַטשיקע
דעכלעך,
דאָס אָרעמע לעבן אויף נידעריקער
וועלט.

יתום'דיק וואַקסן די קוימענס אויף
דעכער,
געהילטע אין אוונט־ווינטן געבלאָז,
ווי קינדער פון טאַטען־און־מאַמען
באַרויבטע,
דרייען זיי קעפּלעך און פרעגן פאַרוואָס?
ווי קינדער פאַרקלערט אין קינדערישע
טרוימען,
זיי הערן דערשראָקן מיט פּנימ'ער
בלאַס:
וואָס זאָגן אוונט־ווינטן וואָס בלאָזן?
וואָס זאָגט באַרוועסער אומעט פון גאַס?
באַרוועסער אומעט וואָס שלייכט
איבער גאַסן
מיט שאָטנס לאַנגע, דינע באַגליים,
וואָס האָט ער צו זאָגן, וואָס קען ער
ברענגען,
פּוסט איז זיין קערפּער דאָך, שאָטן —
זיין קליד.

ער קליידט זיך אין שרעקנדע גרויע
געוואַנטן,
פאַרעסענע שוראָ'ס וואָס שרעקן געסט.
שטאַרט פון די פענסטער מיט
טויזנטער אויגן
און העלפט צו דעם ווינט אויסזינגען
זיין ליד.

פענסטער פאַרלאָשן, מיט נעפּל
פאַרצויגן
איין אין זיך זאַפּן די גאַסיקע נאַכט.

סוקן ווען אויפן אין פענסטער געזיכטער
וועלן דמיונות פארטונקלטע וואך.
און איז ווי פענסטער מיט פייערן
געצונדן
דעקט אומעט איף שטיקער נאקעטע
ווענט,
נאקעטע ווענט וואס דערמאנען אין
בעטלער,
נאקעטע בעטלער מיט אפענע הענט.
בארוועסער אומעט וואס שלייכט
איבער גאסן

ברענגט ער א גרוס שוין פון ערגעץ אזוי
איז עס א שאטן פון מענטשל,
א הויקער,
א הונטן־נעביל, א קאצן־מיאו.
ווי זיינע יתומים זיי וואלטן געווען
שלעפן פארוואלאזט זיך נאך
נאך זיין קליד
בלאנקען פאראייכזאמטע אום איבער
ווענן
ווי נאכט פון קייטן וואלט פים זיי
באפרייט.
לויפט זיך דער קאטער א קאץ
אויסגעפינען,
הונט אין בערגל פון מיסט זוכט א ביין,
מענטשל ווי הונט און ווי קאץ עפעס
זוכט אויך;
עס זוכט זיך א פריינד, זאל זיין
כאטש א שטיין.
דער הונט און די קאץ נישט קענען
קיין שעה'ן,
טויטער ביי זיי איז געראנס ווענן צייט.
לעבן זיי אייביס אין זייערע הערצער
ווייל מענטש צום קבר טאג־לעבן
באגלייט.
שלייכן זיי אלע ווי שאטנס אין גאסן,
ווי זיי וואלטן זיין דאס בעט פון
דער נאכט,
ביז בארוועסער אומעט — זייער
שטיף־מאמע —
וויקלט זיי איין אין זיין נאכטישער
טראכט...
יאסל